# צום פֿארגלײַכן

**צו ז׳ 4, שורות 9–18 :**

1. *פֿון „טבֿיה דער מילכיקער“, קאַפּיטל „אַ בוידעם“ (1899)*

אָט אַזוי, פֿאַניע שלום־עליכם, האָט זיך אויסגעלאָזט פֿון אַלע מײַנע חלומות אַ בוידעם ! און איר מיינט אפֿשר, אַז איך האָב מיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס איך האָב פֿאַרלאָרן מײַן געלט ? לאָם איך אַזוי ריין זײַן פֿון שלעכטס ! מיר ווייסן דאָך יאָ וואָס אין פסוק שטייט : לי הכּסף ולי הזהבֿ – געלט איז בלאָטע ! דער עיקר איז דער מענטש, דאָס הייסט, אַז דער מענטש איז אַ מענטש. נאָר וואָס־זשע דען האָט מיך געקרענקט ? דער חלום וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען. עס האָט זיך מיר געוואָלט, אוי האָט זיך געוואָלט, זײַן אַ נגיד, כאָטש אויף אַ ווײַלע ! נאָר עס העלפֿט דען דערבײַ חכמות ? ווי זאָגט דער פּרק : בעל־כּרחך אַתּה חי – מיט געוואַלט לעבסטו און מיט געוואַלט צערײַסטו אַ פּאָר שטיוול. דו, טבֿיה, זאָגט גאָט, באַדאַרפֿסט אין זינען האָבן קעז אין פּוטער, נישט קיין חלומות. אײַ וואָס ? בטחון ? האָפֿענונג ? אדרבא, וואָס מער צרות מער בטחון, וואָס מער קבצן מער האָפֿענונג. והראיה ?... נאָר מיר דאַכט, איך האָב מיך הײַנט אַ ביסל פֿאַררעדט ; צײַט פֿאָרן, קלערן מכּוח געשעפֿט, ווי זאָגט איר, כּל האָדם כּוזבֿ – איטלעכער האָט זיך זײַנע מכּות. זײַט מיר געזונט און האָט אַ גוטן תּמיד !

2. *פֿון „בײַם קעניג אַחשוורוש“ (מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער) (1901)*

און ממוכן קערט איבער דאָס גלעזל בראָנפֿן און זינגט אַ לידל:

וואָס מער קבצן<br>
מער הוליאַקע,<br>
וואָס מער נגיד<br>
מער סאַבאַקע !<br>
וואָס מער אבֿיון<br>
מער ספּיוואַקע,<br>
וואָס מער עושר<br>
מער סוויניאַקע !...

– מאָנדריש, וואָס שווײַגסטו? מאַך זיי אַ מי־שברך, די נגידים פֿון שטאָט, און טרינק אַ כּוס פֿון זייער כּבֿוד וועגן !

און מאָנדריש גיסט זיך אָן אַ גלעזל בראָנפֿן און מאַכט אַ מי־שברך די נגידים פֿון שטאָט:

– מי שברך ! נעמען זאָל זיי קורח ! קורח זאָל זיי נעמען ! עסן זאָלן זיי ווערעם ! ווערעם זאָלן זיי עסן ! אָן גאָט זאָלן זיי פֿאַרגעסן ! פֿאַרגעסן זאָלן זיי אָן גאָט ! שכּור זאָלן זיי זײַן ווי לוט ! ווי לוט זאָלן זיי זײַן שכּור ! אין מויל זאָל זיי זײַן ביטער ! ביטער זאָל זיי זײַן אין מויל ! שיסן זאָל זיי אַ קויל ! אַ קויל זאָל זיי שיסן !...

3. *פֿון „די שטאָט פֿון די קליינע מענטשעלעך“ (1901)*

פֿון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען כּתרילעווקע ? אָט פֿון וואַנען :

בײַ אונדז אַן אָרעמאַן, דאָס ווייס יעדערער, האָט יתרוס נעמען : פֿאַראַן אַ געמיינער מאַן, און אַן אָרעמאַן, און נעבעך אַן אָרעמאַן, און אַ גרויסער אָרעמאַן. און אַ געפֿאַלענער, אַ מקבל, אַ קבצן, אַ דלות, אַ דלפֿן, אַן עני, און אַן עני־ואביון. איטלעכער פֿון די דאָזיקע אויסגערעכנטע נעמען ווערט אַרויסגערעדט מיט אַן אַנדער מין ניגון... און פֿאַראַן נאָך אַ נאָמען : אַ כּתריאל, אָדער אַ כּתריליק. דער דאָזיקער נאָמען ווערט אַרויסגערעדט שוין גאָר מיט אַן אַנדער מין ניגון, למשל : „אוי, בין איך, קיין עין־הרע, אַ כּתריליק !“... כּתריליק – דאָס איז שוין נישט גלאַט אַזוי אַ קבצן, אַ שלימזל : דאָס איז שוין, פֿאַרשטייט איר מיך, אַזאַ מין אָרעמאַן, וואָס פֿאַלט נישט, חס־ושלום, אַראָפּ בײַ זיך מיט זײַן אָרעמקייט : אַדרבא, ס׳איז גאָר אַ גדולה ! אויף אונדזער לשון הייסט עס „אַן אָרעמס און אַ פֿריילעכס“...

*4. פֿונעם זכרונות־קאַפּיטל „מאַרק וואַרשאַווסקי און זײַנע לידער“ (1914)*

דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז מיר געווען באַקאַנט פֿון לאַנג אין קיִעוו. דאָס איז געווען אַ געשווירע־נער אַדוואָקאַט, אַ טיפּ פֿון יענעם מין געשווירענע אַדוואָקאַטן, וואָס כאַפּן נישט קיין שטערן, קנאַקן נישט, לאָזן נישט זיך הערן אויף דער וועלט, זיצן זיך שטיל אין זייער קאַבינעט, קוקן לאַנג־לאַנג אַרויס אויף אַ קליִענט, נאָר אַז דער קליִענט איז געקומען, איז ער שוין זיכער, אַז ער האָט געטראָפֿן נישט צו קיין אַדוואָקאַט, וואָס קוקט אים אין דער האַנט אַרײַן און שאַצט אים די קעשענע, נאָר צו אַ פֿרײַנט, צו אַ ברודער, וואָס וועט אים אויסרעדן ווי אַ פֿרײַנט און באַהאַנדלען ווי אַ ברודער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע מענטשן פּלאָגן זיך זייער גאַנץ לעבן, פֿירן אַ ביטערע מלחמה, קומען קוים־קוים אויס מיטן שטיקל ברויט און ווערן געעלטערט פֿאַר דער צײַט. אויף וואַרשאַווסקין איז דאָס אָבער געווען שווער צו דערקענען. דאָס איז געווען אַ פּאַרשוין אַ לעבעדיקער, אַן אמתער כתריליק – אַן אָרעמס און אַ פֿריילעכס, און צווישן חבֿרה געשווירענע אַדוואָקאַטן – די נשמה. קיין אָוונט, קיין יום־טובֿ, קיין קערמעשל איז זיך נישט באַגאַנגען אָן מאַרק מאַרקאָוויטשן. וואָרעם מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי האָט געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט אויף צו פֿריילעך מאַכן דעם עולם מיט זײַנע אויסגעצייכנטע הומאָריסטישע עקספּראָמפּטן אין ריימען, וואָס ער האָט אײַך געקאָנט, ווען איר ווילט, צוטראַכטן צו יעדן איינציקן נאָמען, און מיט דער בעסטער כאַראַקטעריסטיק אָפּשילדערן אײַך אַ מענטשן אין דרײַ־פֿיר ווערטער. קופּערניק מיט זײַנע גלענצנדע רעדעס און וואַרשאַווסקי מיט זײַנע עקספּראָמפּטן־קופּלעטן האָבן געשמט אין שטאָט, און ביידע זײַנען געווען געליבט אין אַלע אינטעליגענטישע קרײַזן פֿון קיִעווער ראַיאָן. נאָר אַז דער זעלביקער וואַרשאַווסקי קאָן אויך יִדישע לידלעך מאַכן אין „זשאַרגאָן“ – דאָס איז מיר אַפֿילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען. מע קאָן זיך דעריבער פֿאָרשטעלן, מיט וואָס פֿאַר אַ נײַגעריקייט איך האָב אַרויסגעקוקט אויף וואַרשאַווסקין מיט זײַנע לידלער.

די עטלעכע טעג זײַנען אַריבער – מע האָט מיר געבראַכט דעם פֿויגל. אַ מענטש פֿון אַריבער פֿופֿציק, קורצן ווּקס מיט קורצזיכטיקע, נאָר שמייכלענדיקע אויגן און אַ סך ריידנדיקע אויגן, גוט געפּאַקט, אַן אָפּגעטראָגן רעקל מיט אַ ביסל אויסגעריבענע עלנבויגנס, אַן אַלטגעזױסענער שניפּס, אַ גיך גענגל, אַ שיין קול און אַ שטאַרק הילכיקער געלעכטער – אָט דאָס איז וואַרשאַווסקיס פּאָרטרעט.

**צו ז' 4, 24–30**

*פֿון „דאָס טעפּל“ (1901)*

– יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד ? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט : שלעכטע שכנים... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלײַך ! לאָז מיר דאָס דער רבונו־של־עולם נישט פֿאַררעכענען פֿאַר קיין לשון־הרע ; איך דאַרף אויף איר, וואָס איז שייך, קיין שלעכטס נישט ריידן. וואָס האָב איך צו איר ? זי איז אַ ייִדענע, וואָס האָט ליב געבן אַן אָרעמאַן אַ שטיקל ברויט, נאָר דער גוטער יאָר זאָל זי וויסן : אַז עס קומט איר אָן די מאַנקאָליע – זאָל גאָט שומר ומציל זײַן ! ס'איז אַ בזיון צו דערציילן : קיין אַנדערן וואָלט איך דאָס געוויס נישט געזאָגט, נאָר בײַ אײַך, ווייס איך, וועט דאָס זײַן אַ סוד... ששש... זי פּאַטשט אים אונטער... דעם מאַן, הייסט דאָס... אַז קיינער זעט נישט... „אַי, זאָג איך צו איר, גנעסע, גנעסע ! ווי האָט איר קיין מורא נישט פֿאַר גאָט ? פֿאַר גאָט ווי האָט איר קיין מורא נישט ?“.. זאָגט זי : „ס'איז נישט אײַער באָבעס דאגה“... זאָג איך : „אַ שיינע ריינע כּפּרה“... זאָגט זי : „לאָז דער זײַן די כּפּרה, ווער עס קוקט אַרײַן אין יענעמס טעפּל“... זאָג איך : „לאָז דעם אַרויס די אויגן, ווער עס האָט קיין בעסערס נישט געזען“... זאָגט זי : „לאָז דעם פֿאַרלייגן, ווער עס הערט זיך צו“... וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ פּיסקאַטע ?...

**צו ז' 5, 6–9**

1. *פֿון „אַ ווײַסע כּפּרה“ (1904)*

...דאָ ניט לאַג האָב איך אויסגעטרייסלט אַ בריוועלע בײַ אים, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, פֿוז די הויזן־קעשענעס, זייער אַ שיין בריוועלע, אויף רויזן־פּאַפּיר, דורכגעשפּיגעוועט מיט פּאַרפֿומען און געחתמעט „מאַשאַ“... מאַשאַ ? מאַשאַ ? ווער קאָן זײַן די דאָזיקע מאַשאַ ?... שוין צוויי וואָכן, אַז איך ברעך מיר דעם קאָפּ, איך קאָן גאָר אַזוי קלוג ניט זײַן... אָ ! לאָם איך נאָר געוואָר ווערן אַקוראַט, וועט ער זיך בײַ מיר נישט נאַרן ! ער וועט בײַ מיר האָבן אַ מאַשע ! סע וועט אים שוין זײַן מאַשעדיק אין די אויגן !...

2. *פֿון „טבֿיה דער מילכיקער“, קאַפּיטל „פֿאָרט קיין ארץ־ישׂראל“ (1909)*

...און דאָס האַרץ קאָכט אין מיר ווי אַ קעסל, און אַ ביסל אויפֿגעטראָגן בין איך נאָך פֿון פֿריִער ; מיך האָט געברענט אויף איר, טאַקע אויף מײַן ביילקען : „וואָס זיצסטו דאָרטן, ווי אַ בת־מלכּה, צווישן די הונדערט זייגערס מיט די טויזנט שפּיגלען, בשעת מע טרײַבט דאָ דײַן טאַטן, טבֿיהן, קאָליסטראָי, אויף הייסע קוילן ? לאָם איך האָבן די ברכות, טראַכט איך מיר, וואָס דײַן שוועסטער האָדל האָט בעסער געמאַכט פֿון דיר ! וואָס אמת איז אמת, זי האָט נישט אַזאַ שטוב מיט אַזוי פֿיל שמאָכטעליאַקעס, ווי דו, דערפֿאַר האָט זי אָבער

אַ מאַן, אַ פֿעפֿערל, איז ער דאָך אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי ער אַליין איז בײַ זיך הפֿקר, און דער גאַנצער עיקר איז די וועלט... און דערצו האָט ער אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, נישט קיין לאָקשנטעפּל מיט אַ גלאַנצנדיקער ליסינע, און אַ פּיסק האָט פֿעפֿערל – איז דאָך עס גאָלד מיט גאָלד ! אים, אַז איר זאָגט אַ פּסוק, גיט ער אײַך דרײַ פּסוקים סדאַטשע ! וואַרט אויס, פּאָדריאַטשיק מײַנער, אָט וועל איך דיר באַלד אַרײַנהאַקן אַ פּסוק, וועט דיר ווערן פֿינצטער אין די אויגן !“...

**צו ז' 6, 24–32**

*פֿון „חנוכּה־געלט“ (1900)*

אויב איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן דעם גיהנם – אָט דאָס איז דעם פֿעטער ביינישעס שטוב. ווען איר זאָלט ניט קומען אַהין, טרעפֿט איר אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ געפּילדער. ס'איז דאָרט אַ פֿולע שטוב מיט קינדער – האַלבֿ־נאַקעטע, פֿאַרשמירטע, פֿאַרמורזעטע, ניט קיין געצוואָגענע, תּמיד צעשלאָגענע, שטענדיק צעדראַפּעטע, אָפּטמאָל צעבלוטיקטע, מיט סימנים אונטער די אויגן. דער וויינט און דער לאַכט, דער זינגט און דער קוויטשעט, דער הוקעט און דער פֿײַפֿט, דער האָט אָנגעטאָן דעם טאַטנס קאַפּאָטע מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל און דער פֿאָרט רײַטנדיק אויף אַ בעזעם, דער טרינקט מילך פֿון אַ קריגל, דער קנאַקט ניסלעך, דער טראָגט זיך אַרום מיט אַ קעפּל פֿון אַ הערינג און דער סמאָטשקעט אַ קאָנפֿעקטל, און פֿונעם נעזל רינען בײַ אים צוויי קליינע ריטשקעלעך גלײַך אין מויל אַרײַן. די מומע יענטע איז שטאַרקער פֿון אײַזן, אַז זי האַלט אויס פֿון דער דאָזיקער „קאָמאַנדע“. זי שילט זיי, זי קנײַפּט זיי, רײַסט אויס שטיקער פֿלייש. זי קלײַבט נישט איבער : ווער עס כאַפּט זיך אונטער אונטער דער האַנט, דער באַקומט אַ זעץ, אַ טראַסק, אַ בוכענצע אין זײַט אַרײַן. אַ פּאַטש איז דאָרט אַ וואָכעדיקער גאַנג. „וואַרגן זאָלסטו זיך ! די כּפּרה זאָלסטו זײַן ! פֿאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן !“ – דאָס איז פֿון די קליינע קללות ; דאָרט קענט איר הערן „קדחת“, און „כאָלערע“ און אַ „מיתה־משונה“ – און דווקא אין גוטן מוט, פּונקט ווי איר זאָגט אַ גוט־שבת. שטיל ווערט נאָר, בשעת דער פֿעטער ביניש קומט צו גיין. נאָר מחמת דער פֿעטער ביניש איז אַ פֿאַרנומענער מענטש, זיצט אַ גאַנצן טאָג אין קלייט און קומט אַהיים נאָר אויף אַ מינוט „אָפּעסן“, דערפֿאַר איז בײַ זיי אין שטוב דער אמתער גיהנם.

**צו ז׳ 7, 8–12**

*פֿון „טבֿיה דער מילכיקער“, קאַפּיטל „דאָס גרויסע געווינס“ (1895)*

בקיצור, איך לויף מיר אַזוי נאָכן וואָגן און זאָג די שמונה־עשׂרה הויך, מיט אַ ניגון, ווי, להבֿדיל, בײַם עמוד: מכלכּל חיים בחסד – דער דאָ טוט טאָן שפּײַזן אַלע זײַנע באַשעפֿענישן, ומקיים אמונתו לישני עפֿר – אַפֿילו די וואָס ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל. אוי, טראַכט איך מיר, ליגט מען אין דער ערד! אוי, ווערט מען אויסגעריסן! ניט אַזוי ווי יענע, למשל, די יעהופּעצער נגידים מײַן איך, וואָס זיצן אַ גאַנץ זומער אין בויבעריק אויף די דאַטשעס, עסן און טרינקען און באָדן זיך אין אַל דאָס גוטס. אוי, רבונו של עולם, פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר? איך בין, דאַכט זיך, אַ ייִד גלײַך מיט אַלע ייִדן. גוואַלד, גאָטעניו, ראה נאָ בעניינו – זע, זאָג איך, באַטראַכט, ווי מיר האָרעווען, און נעם זיך אָן די קריוודע פֿון די אָרעמע לײַט נעבעך, וואָרן ווער דען וועט זיך אויף זיי אַרומקוקן, ווען ניט דו? רפֿאנו ונרפֿא – שיק אונדז צו די רפֿואה, די מכּה האָבן מיר שוין אַליין... ברך עלינו – בענטש אונדז מיט אַ גוט יאָר, עס זאָל זײַן אַ גערעטעניש אויף אַלע מינים תּבֿואות, פֿון קאָרן און פֿון ווייץ און פֿון גערשטן; כאָטש אַפֿילו, צוריק שמועסנדיק, וואָס וועט מיר, שלימזל, אַרויסקומען דערפֿון? אַ שטייגער, למשל, וואָס קומט אַרויס מײַן פֿערדל, להבֿדיל, צי האָבער איז טײַער, צי וואָלוול?... נאָר, פֿע, גאָט פֿרעגט מען קיין קשיות ניט, ובפֿרט אַ ייִד באַדאַרף דאָך אַוודאי אָננעמען אַלצדינג פֿאַר גוטן און זאָגן „גם זו לטובֿה“, מסתּמא הייסט גאָט אַזוי. ולמלשינים – זינג איך מיר ווײַטער – ולמלשינים, און די „סטיקראַטן“, וואָס זאָגן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, וועלן האָבן אַ שיין פּנים, אַז זיי וועלן קומען אַהין; זיי וועלן דאָס אויסקרענקען מיט פּראָצענט, וואָרן ער איז אַ שובֿר אויבֿים – אַ גוטער צאָלער, מיט אים שפּילט מען זיך ניט, מיט אים באַדאַרף מען גיין מיט גוטן, בעטן אים, שרײַען צו אים: אָבֿ הרחמן – דערבאַרעמדיקער, האַרציקער פֿאָטער! שמע קולנו – הער צו אונדזערע קולות, חוס ורחם עלינו – האָב רחמנות אויף מײַן ווײַב און קינדער, זיי זײַנען נעבעך הונגעריק! רצה – זאָלסט באַוויליקן, זאָג איך, דײַן ליב פֿאָלק ישׂראל, ווי אַ מאָל, אין בית־המקדש, נאָך בשעת די כּוהנים מיט די לוויים...

**צו ז׳ 7, 25–36**

פֿון „מאָשקעלע גנבֿ“ (1903)

און מאָשקעלע גנבֿ איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון פֿערד, אַ פֿערדל איז בײַ אים געווען דאָס חיות. אַנידערזעצן זיך אויף אַ פֿערדל רײַטנדיק, פֿליִען פֿײַל אויסן בויגן, שפּרינגען משוגענערווײַז איבער בערג און איבער טאָלן, איבער וועלדער און איבער טײַכן — דאָס איז געווען זײַן אַרבעט נאָך פֿון ייִנגלווײַז אָן, וואָרעם פֿערד האָט ער געזען נאָך בײַ זײַן פֿאָטער, דעם נבֿיא יונה, וואָס ער איז אַליין אויך געווען כּל־ימיו אַ פֿערד־גנבֿ... פֿאַרדאָן! נישט קיין גנבֿ, נאָר אַ „נבֿיא“.

איר ווייסט וואָס הייסט אַ נבֿיא? אַ נבֿיא צווישן פֿערד־גנבֿים, פֿערדהענדלער און בעלי־עגלות הייסט אַ „טרעפֿער“, אַ מענטש וואָס טרעפֿט. און דער נבֿיא יונה פֿלעג טרעפֿן. האָט זיך געמאַכט, מע האָט בײַ אַ בעל־עגלה אַרויסגעפֿירט אַ פּאָר פֿערד פֿון שטאַל, איז מען געגאַנגען צום נבֿיא.

— רב יונה, וואָס טוט מען? ס׳איז שלעכט! מע האָט דאָך בײַ מיר הײַנטיקע נאַכט אַרויסגעפֿירט אַ פּאָר פֿערדלעך. גיט עפּעס אַן עצה, רב יונה!

דער נבֿיא יונה, אַן אַלטער, אַ גרויער, מיט קאַסאָקע אויגן, וואָס איינס קוקט קיין דרום, דאָס אַנדערע קיין צפֿון, רעדט נישט קיין סך, טוט אַ פֿרעג:

— וואָסערע?

— איינער אַ בולאַנער, איינער אַ ווײַסער מיט פּלעקן. ערשט נישט לאַנג געבראַכט צו פּירן פֿון „ספּאַס",[6] אויסגעביטן אויף מײַנע צוויי שקאַפּעס, איר דאַרפֿט זיי געדענקען, רב יונה, געווען ווילע שקאַפּקעס, צו וואָס האָב איך זיי באַדאַרפֿט אויסבײַטן, וועלכער רוח — ווייס איך אַליין נישט! ער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר, עזריאל, מיטן קאָפּ זאָל ער אַנלייגן; בײַט, זאָגט ער צו מיר, וואָס וועט אײַך אַרן, אַז איר וועט בײַטן? בין איך געגאַנגען און האָב געביטן. און איצט האָט מיך געטראָפֿן אַזאַ אומגליק. גוואַלד, רב יונה, גיט עפּעס אַן עצה!

דער נבֿיא יונה קוקט אָן אַ זײַט, און די קאַסאָקע אויגן בײַ אים ברענען.

— אַ „רויטינקס"[7] וועט זײַן פֿאַר דער אַרבעט?

— אַ „רויטינקס"? ווו זאָל איך נעמען? ס'הײַנט ביטערע יאָרן, רב יונה, שווערע יאָרן. אפֿשר וועט זײַן גענוג אַ „גרינס",[8] רב יונה?

דער נבֿיא קוקט אָן אַ זײַט, און די קאַסאָקע אויגן ברענען. ער שנײַדט אָפּ ווי מיט אַ מעסער.

— אַ „רויטינקס"!

— אפֿשר אַ „בלאָווס",[9] רב יונה?

— אַ „רויטינקס"!

דער בעל־עגלה קראַצט זיך, זאָגט צו אַ „רויטינקס" און גייט אַוועק און לייגט זיך שלאָפֿן, און אויף מאָרגן, אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי, טרעפֿט ער די פֿערדלעך בײַ זיך אין שטאַל.

— בקיצור — מאַשקעלע גנבֿ איז געווען אַ גנבֿ־בן־גנבֿ.

6. יריד צום יום-טובֿ פֿון „דערלייזער".
7. אַ באַנקנאָט פֿון צען רובל.
8. אַ באַנקנאָט פֿון דרײַ רובל.
9. אַ באַנקנאָט פֿון פֿינף רובל.

צו ז' 17, 11–39

*פֿון „טבֿיה דער מילכיקער", קאַפּיטל „דאָס גרויסע געווינס" (1895)*

– אַ גוט יום־טובֿ, מאַך איך צו איר, מזל־טובֿ דיר, גאָלדע!

– אַ וויסטער מזל־טובֿ דיר אַ פֿינצטערער, מאַכט זי, וואָס ביסטו אַזוי יום־טובֿדיק, מײַן טײַערער ברויטגעבער? דו פֿאָרסט דאָס פֿון אַ חתונה, צי פֿון אַ ברית, גאָלדשפּינער מײַנער?

– עס איז אַ חתונה, זאָג איך, מיט אַ ברית! וואַרט אויס, מײַן ווײַב, אָט וועסטו באַלד זען אַן אוצר, זאָג איך; נאָר קודם־כּל וועק אויף די קינדער, לאָזן זיי נעבעך אויך געניסן, זאָג איך, פֿון די יעהופּעצער מאכלים...

– צי דו ביסט דול, צי דו ביסט חסר־דעה, צי דו ביסט גערירט, צי דו ביסט פֿונעם זינען? עפּעס רעדסטו, ווי אַ משוגענער, שׂונאי־ציון! – זאָגט צו מיר מײַן ווײַב און שילט, לייענט די תּוכחה, ווי געוויינלעך אַ ייִדענע.

– אַ ייִדענע, זאָג איך, בלײַבט אַ ייִדענע; ניט אומזיסט זאָגט שלמה המלך, אַז צווישן טויזנט ווײַבער האָט ער ניט געפֿונען איינע אַ רעכטע. אַ גליק, כ'לעבן, וואָס ס'איז הײַנט געוואָרן אויס מאָדע צו האָבן אַ סך ווײַבער, – זאָג איך און גיי מיר אַרויס צו מײַן וואָגן און טראָג אַרײַן פֿון דאָרטן אַלע גוטע זאַכן, וואָס מע האָט מיר אײַנגעפּאַקט, און שטעל דאָס אַלצדינג אויס אויפֿן טיש. מײַנע חבֿרה־לײַט האָבן דערזען בולקעס, דערשמעקט פֿלייש, זײַנען זיי באַפֿאַלן דעם טיש, ווי די הונגעריקע וועלף, נעבעך; עס איז געוואָרן צווישן זיי אַ כאַפּערײַ, די הענט האָבן געציטערט, די ציין האָבן געאַרבעט; עס איז געווען, ווי אין פּסוק שטייט: ויאכלו – מאַכט רשי: מע האָט געקנאַקט ווי די היישעריקן. טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן...

**צו ז' 18, 14–18**

*1. פֿון „קאָנקורענטן“ (1909)*

אַ מאָדנע ווײַבל! איך האָב געמיינט, אַז דערזען אַזוי פֿיל געלט, וועט זי מסתּמא צעגיין און צעגאָסן ווערן פֿון ווינטשעוואַניעס. עס הייבט זיך גאָר נישט אָן. אָנשטאָט ווינטשעוואַניעס, האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פֿון איר מויל קללות. עס האָט זיך בײַ איר געעפֿנט אַ פֿאָנטאַן, אַ קוואַל פֿון קללות:

– אינגאַנצן ער – ברעכן זאָל ער האַלדז און נאַקן, ביין און לײַב אויפֿן גלײַכן וועג, ליבער גאָט! אַלצדינג נעמט זיך פֿון אים – נעמען זאָל אים די ערד, זיסער פֿאָטער! ער זאָל גאָר נישט דערלעבן קומען אַהיים,

קומען זאָל אויף אים אַ מיתה־מהומה, אַ חלירע, אַ שׂרפֿה, אַ מגפֿה, אַן אויסכאַפּעניש! אַן אויפֿלויפֿעניש! אַן אײַנדאַרעניש! אַ צונויפֿשרומפּעניש!...

רבונו של עולם! פֿון וואַנען נעמען זיך בײַ אַ מענטשן אַזוי פֿיל קללות? אַ גליק, וואָס דער נפֿש מיט די בלויע ברילן האַקט איר איבער אין מיטן:

– גענוג אײַך שוין צו בענטשן, ווײַבל! זאָגט בעסער, וואָס האָבן געהאַט צו אײַך די קאָנדוקטאָרעס?

*2. פֿון „פֿונעם יריד“, קאַפּיטל „אַ מענה־לשון פֿון אַ שטיפֿמאַמע“ (אַרום 1914)*

ערשט העט־שפּעטער, אין אַ וואָך אַרום אָדער אין צוויי, האָט זיך די שטיפֿמאַמע אַרויסגעוויזן מיט איר היציקן טעמפּעראַמענט און קודם־כּל אַרויס מיט איר שפּראַך, מיט איר אמת באַרדיטשעווער שטיפֿמאַמע־לשון, אַ שפּראַך אַ גלאַטע, אַ רײַכע, אַ בלומענדיקע. אויף איטלעכס וואָרט אַ קללה, און צום גראַם, און דווקא אין גוטן מוט. למשל: עסן – עסן זאָלן דיך ווערעם! טרינקען – טרינקען זאָלן דיך פּיאַווקעס! שרײַען – שרײַען זאָלסטו אויף די ציין! פֿאַרנייען – נייען זאָל מען אײַך תּכריכים! גיין – גיין זאָלסטו אין דער ערד! שטיין – שטיין זאָלסטו פּראַווצעס! זיצן – זיצן זאָלט איר אין געהאַקטע ווונדן! ליגן – ליגן זאָלט איר אין דער ערד! ריידן – ריידן זאָלט איר פֿון היץ! שווײַגן – אַנטשוויגן זאָלט איר ווערן אויף אייביק! זאָגן – געזאָגט זאָל אײַך ווערן אַלדאָס בייז! האָבן – האָבן זאָלסטו מכּות בכורות! ניט האָבן – ניט האָבן זאָלסטו קיין גוטס ווײַל דו לעבסט! טראָגן – טראָגן זאָל דיך דער רוח אויף די פּלייצעס! אַרײַנטראָגן – אַרײַנטראָגן זאָל מען דיך אַ קראַנקן! אַרויסטראָגן – אַרויסטראָגן זאָל מען דיך אַ טויטן! אַרומטראָגן – אַרומטראָגן זאָל מען דיך אויף די הענט! אַוועקטראָגן – אַוועקטראָגן זאָל מען דיך אויפֿן בית־עולם! צי, אַ שטייגער, למשל, נעמט אַזאַ אומשולדיק וואָרט, ווי שרײַבן? איז שרײַבן זאָל מען דיר רעצעפּטן! פֿאַרשרײַבן – פֿאַרשריבן זאָלסטו ווערן צום טויט! אָפּשרײַבן – אָפּשרײַבן זאָל מען דיך פֿון קדחת! אַרײַנשרײַבן – אַ משוגענעם אויסמעקן און דיך אַרײַנשרײַבן!... און אַ מאָל איז זי געווען אויפֿ־געלייגט און אַ וואָרט האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט איר אין מויל אַרײַן – האָט זיך עס געדרייט און געפֿלאָכטן און געגאָסן זיך און געצויגן זיך, ווי אַ גוטער בוימל, גאָר אָן אַן אָפּשטעל, און אין איין אָטעם, ווי בײַ אַ גוטן חזן די עשׂרת בני המן:

„ס'זאָל דיך אָנכאַפּן, רבונו של עולם, אַ שטעכעניש און אַ ברעכעניש, אַ רײַסעניש און אַ בײַסעניש, אַ טריקעניש, אַ פֿאַרטריקעניש, אַן אויסטריקעניש, אַן אײַנטריקעניש, אַ דאַרעניש, אַ פֿאַרדאַרעניש, אַן אײַנדאַרעניש, אַ שרומפּעניש, אַן אײַנשרומפּעניש, ליבער גאָט! האַרציקער פֿאָטער, געטרײַער!“...

דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע איז זיך מודה, אַז אַ היפּש ביסל קללות און שלאָגווערטער אין זײַנע שפּעטערדיקע ווערק האָט ער געגנאַשט פֿון דער שטיפֿמאַמע און פֿון איר מענה־לשון. נאָך גאָר־גאָר אין די יונגע יאָרן, ער האָט נאָך גאָר ניט געוווּסט, וואָס שרײַבן באַטײַט, און האָט נאָך גאָר אַפֿילו ניט געחלומט, אַז ער וועט אַ מאָל זײַן אַ שרײַבער, האָט זיך אים, אַלס קוריאָז, פֿאַרוואָלט פֿאַרשרײַבן אַלע קללות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פֿון זײַן שטיפֿמאַמע, צונויפֿזאַמלען זיי אינאיינעם, מאַכן אַ מין ווערטערביכל. האָט ער זיך ניט געפֿוילט, געזאַמלט און געזאַמלט, און אַז ער האָט זיי אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל, האָט ער זיי גענומען סאָרטירן נאָכן אַלף־בית, אָפּגעשוויצט אַ פּאָר גוטע נעכט און צונויפֿגעשטעלט אַ גאַנץ פֿײַנעם לעקסיקאָן, על־פּי אַלף־בית, וועלכער עס ווערט דאָ געגעבן נאָר אויפֿן זכּרון:

א – אבֿיון, אומגליק, אידיאָט, אייזל, אײַנגעזעסענע בריאה, אָפּגעריסענער נאַר, אַשמדאַי.

ב – באָלוואַן, באָדיונג, בטלן, בײַטלשנײַדער, בלינדערהאָץ, בעדער, בעזעם, בעטלער, בערנטרײַבער, בעל־

עגלה, באַשעפֿעניש.

ג – גוי, גולם, גדלן, גזלן, גנבֿ, געשליירטע האַנזי.

ד – דאָנאָשטשיק, דבֿר־אַחר, דלות, דערקאַטש.

ה – האָלעדראַנצעס, האָצמאַך, האָצעקלאָץ, הולטײַ, הינט־שלעגער, הינקעדיקער שנײַדער, המן, הפֿקר־יונג.

ו – וואַנץ, וויסטע קאַליקע, וועווריק, ווערעמיקער, וצדקתך.

ז – זאַיִקע, זאַק פּאָלאָווע, זויערע קיסליצע, זומערפֿויגל, זויפֿער, זיצפֿלייש.

ט – טאָטער, טאָרבע, טויגעניכטס, טפּש, טערקישער פֿעפֿער, טריפֿה קישקע.

י – יאַטקעהונט, יונגאַטש, יורקע, ימח־שמוניק, ים־קאָטער.

כ – כּזבֿן, כּל־בוניק, כּלבֿ שבכּלבֿים.

ל – לאָבוס, לאַבאַזניק, לאָדער, לא־יוצלח, לאַמטערנשיסער, ליגנער, למד־וואָווניק, ליידיקגייער.

מ – מאַלפּע, מאַמעטליווע בחור, מאָנדריש, מגיד, מלמד, משומד.

נ – נאַריש פּנים, נאַפּודעלע, נאַשער, נודניק, נכפּהניק.

ס – סאַוועלע, סוואָלעטש, סווישטשון, סמאַרקאַטש.

ע – עזות־פּנים, עני ואבֿיון, עיפּוש, עקדיש, עקשן.

פּ – פּאַסקודניאַק, פּאַציראָנע, פּאַרטאַטש, פּאַרך, פּוסטעפּאַסניק, פּופּיק, פּיפּערנאָטער, פּלעצל, פּעטעלעלע, פּעמפּיק, פּרא־אָדם, פּריטשעפּע.

פֿ – פֿאָנפֿאַטש, פֿאַלשער מענטש, פֿאַרשלעפּטע קרענק, פֿויליאַק, פֿײַפֿער, פֿליאַסקעדריגע, פֿלאָכט, פֿלאָקנשיסער, פֿערדאַטש, פֿרעסער.

צ – צבֿועק, צדיק־אין פּעלץ, צורה־מלוכה, צלם־קאָפּ, צעבראָכענער שאַרבן, צרעת.

ק – קאַטאָרזשניק, קאָכלעפֿל, קאַליקע, קאַרטאָפֿלשלינגער, קאָרטן־שפּילער, קאַפּעלוש־מאַכער, קבצן, קוימענקערער, קישקע־אָן־אַ־דנאָ, קלעק, קריכער, קשׂקשׂת.

ר – רויטער, רוצח, רכילותניק, רעטעך, רשע מרושע.

ש – שאַרלאַטאַן, שבת־גוי, שוטה בן פּיקהאָלץ, שוסטער, שייגעץ, שליאַטענטש, שיקסע, שלאַנג, שלימזל, שמאַטע, שמד־קאָפּ, שמינדער־בגעץ, שמענדריק, שנויץ מיט ברויט, שקראַב.

ת – תּרח.

דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דאָס ערשטע ווערק, וואָס דער קומענדיקער שלום־עליכם האָט פֿאַרפֿאַסט, און אַ נאָמען געגעבן האָט ער עס : „אַ מענה־לשון פֿון אַ שטיפֿמאַמע“...

### צום סוף פֿון דער דערציילונג

*סוף פֿון „יאָסעלע סאָלאָוויי“ (1886)*

אין דער ייִדישער שטאָט מאַקאַרעווקע האָט מען אַ צײַט מיט יאָרן געקאָנט באַגעגענען אין שול און אין גאַס אַ הויכן, אַ דאַרן יונגנמאַן, מיט לאַנגע שיטערע האָר, מיט אַ גרויסן געלן טלית־קטן אויפֿן צעכראַסטעטן האַרצן און מיט אַ מאָדנעם קאַפּעליוש אויפֿן קאָפּ ; דער האַלדז תּמיד פֿאַרבונדן מיט אַ וואַרעמער פֿאַטשיילע, אויף די אויגן אַ פּאָר בלויע ברילן און אויף די פֿיס איין שוך און איין שטיוול. זײַן עובֿדא איז געווען אַרײַנקומען אין אַ שטוב אַרײַן, נישט ריידן קיין וואָרט, זיך שטילערהייט וואַשן, זאָגן „שׂאו ידיכם“, זיך זעצן צום טיש און וואַרטן, ביז מע וועט אים דערלאַנגען עפּעס עסן. נאָך דעם אָפּבענטשן, אויפֿשטיין און אַוועקגיין אָן ווערטער. זעלטן האָט זיך געמאַכט, ער זאָל אויסריידן מיט עמעצן אַ וואָרט. נאָך מער זעלטן פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז ער פֿלעגט זיך אַוועקשטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט און פּלוצים זיך צעזינגען, אָבער אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, מיט אַזוי פֿיל האַרץ און אַזוי בריהש, אַז נישט איין מאָל פֿלעגן מענטשן, פֿאַרבײַגייענדיק, אַוועקוואַרפֿן אַלע געשעפֿטן, זיך אָפּשטעלן און האָרכן, ווי דער משוגענער פֿראַוועט חזנות, שטעלט אויס אַ „ועל־המדינות־בר־יאָמר“, אַז ס'איז אַ מחיה־נפֿשות, זאָגט „יעלות“, אַז עס צעגייט זיך פּשוט אין אַלע אבֿרים. נאָר עס האָט זיך זייער זעלטן געטראָפֿן, אַז ער זאָל אָפּזינגען ביזן סוף, ווי אַ מענטש ; סאַמע אין מיטן זינגען, פֿאַרקאַטשענדיק זיך אויפֿן האַלדז און צעשיטנדיק זיך אין דריבנע טרעלן, – פֿלעגט ער זיך פּלוצים צעלאַכן, אָנהייבן מיאַוקען ווי אַ קאַץ, האַווקען ווי אַ הונט, אָדער אַ פּאַטש טאָן מיט ביידע

הענט, ווי אַ האָן מיט די פֿליגל, און אויסשרײַען אויף אַ משונה־נאַריש קול : „קוקאַ־ריקו ! ! !“ אַזוי, אַז אַלע פֿלעגן בלײַבן טויט פֿאַר שרעק. ווײַבער האָבן געקוקט אויף אים, געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויסגעווישט זיך די פֿאַרוויינטע אויגן און געקרעכצט אויף אַ תּחינה־קול : „מ׳שטיינס גוזאָגט געוואָרן, אויך מיר אַ גאָטס באַשעפֿעניש, אַ זינדיקער מענטש, דערבאַרעמיקער פֿאָטער ! נעמט אײַך אַראָפּ אַ מוסר, ייִדישע קינדער ! אַזאַ כּלי – און עס ליגט אין איר אַ דיבוק, נישט דאָ געדאַכט, נישט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט ! אָך און וויי איז דער מאַמע אָדער דעם טאַטן דאָרטן ! זאָלסט מיך שטראָפֿן ליבערשט מיטן טויט, איידער מיט אַזאַ שטראָף, ליבער גאָט !“... ייִדן האָבן אויף אים שטאַרק רחמנות געהאַט, פֿלעגן אים תּמיד געבן עסן און טרינקען, אַ מאָל אַן אַלט העמד, אַן אָפּגעניצעוועט מלבוש, אַ מאָל אַ גראָשן. נאָר פֿון ייִנגלעך, קונדסים, פֿלעגט דער משוגענער לײַדן נעבעך, האָבן צרות אויפֿן פּוד. ווײַסע־חבֿרהניקעס פֿלעגן אים נאָכלויפֿן טיטשקעסווײַז, אים דעקוטשען, שטורכען און קנײַפּן, צופּן און שנעלן אין נאָז אַרײַן און שרײַען אויף אַ קול : „סאָלאָוויי ! וואָס ביסטו – אַ סאָלאָוויי, צי אַ האָן, צי גאָר אַ טשערנאָהאָז ? זינג אונדז עפּעס, טשערנאָהאָז !“ ער האָט דאָס אָבער אַלצדינג איבערגעטראָגן קאַלטבלוטיק, אַפֿילו זיך קיין קנייטש נישט געטאָן, קיינעם נישט געענטפֿערט דאָס צווייטע וואָרט, און אַלץ געגאַנגען דעם קאָפּ פֿאַרריסן אַרויף, קוקנדיק אויף אַלעמען דורך די בלויע ברילן מיט גרויס גדלות, גלײַך ווי די גאַנצע וועלט איז זײַנע...

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען יאָסעלע סאָלאָוויי.

פֿערלאַג „בילדונג״
רעדאַקטאָר א. קאַטיק.

# אַ מַעֲשֶׂה אָהְן אֵיין עֶק.

(אַרויס גֶענוּמֶען פוּן אֵיין אַלְטֶען פִּנְקס אוּנ בֶּעפּוּצְט)

פון

## שלום-עליכם.

ב. פרנקל
יפו, א״י
BUCHHANDLUNG
B. FRENKEL
JAFFA, PALAESTINA

ווארשא. תרס״ב.
דרוק׳ מ. י. האלטער עט קאָמפ׳, נאלעווקי 7.

**А МАЙСЕ ОНЪ АЙНЪ ЭКЪ,**

т. е.

Повѣсть безъ конца

„ШАЛОМАЛЕЙХЕМА".

Изд. Книгоиздат. „БИЛДУНГЪ".

ВАРШАВА 1901

Тип. М. И. Гальтера и Комп., Налевки 7.

מעדעם-ביבליאָטעק
פאַריז

שניידער, אַרומשלעפּען זיך מיט דעם שלים־מזלניק הין און צוריק און פאַנגרען פון הונגער? אַמעהר וועט ער בעסער לויפען אין דער וועלט אַריין וואו די פים וועלען טראָגען! אַבי ניט זיין נַע וְנָד! און אונזער חברה מאַן האָט גמאַכט פליטה גאָר אויף איין אַנדער אופֶן, געלאָפען משוגענער וויז, גאָר ניט געפיהלט די ערד אונטער זיך, נישט געקוקט אויף דֶרֶך אֶרֶץ, געשפּרונגען איבער יודען און ווייבער, אָנגעמאַכט איין אומגליק, אַ חוּרבּן אין מאַרק, סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת! איבערגעקעהרט טישליך מיט ברויטליך און פּלעצעלעך, מילטערם מיט וויינשעל און מיט ווייגפּערליך, געשפּרונגען איבער טעפ און גלאָזוואַרג, געשליידערט, געשמיצט און געבראָכען — טראַך־טאַראַראַך! צווישען די ווייבער איז געוואָרען אַ בהלה, אַ קוויטשעריי: „ווער איז?... אַ שלים־מזל!... אַ ציג!... אַ באַשעפעניש!... אַ גלגול!... אַ קלאָג צו מיר!... אוי איין אומגליק!... וואו איז ער?... אָן איז ער!... חאַפּט איהם! לאָז מען איהם חאַפען! חאַפען!!“... און אַ גאַנצע חאַליאַסטרע יודען מיט פאַרקאַטשעטע פּאָלעס האָבען זיך געלאָזט לויפען איינער איבערן אַנדערען; נאָר אומזיסט: אונזער חברה מאַן האָט דערפיהלט וואָס הייסט „פ ר י י ה י י ט“, האָט ער פאַרריסען דאָס וויידעלע: האָץ — האָץ — האָץ!

---

## קאַפּיטעל יב.

כָּעֵת — אַצינד וואַרפען מיר אַוועק די זלאָדייעוּקער בַּעֲלֵי־בָּתִּים מיט'ן שניידער, מיט דער ציג, מיט אַלעם מיט איין אַנדער, און מיר טהוען אַ קוק וואָס טהוט זיך עפּיס אין קאָזאָדאָיעווקע? די קאָזאָדאָיעווקער לייט אַז זיי זענען געוואָהר געוואָרען אַז די זלאָדייעווקער בַּעֲלֵי־מְלָאכוֹת האָבען זיך אָנגערעדט אַרוים צו געהן אויף זיי מיט מִלְחָמָה, האָבען זיי געמאַכט איין אַסיפה, און ס'איז געוואָרען אַ גוואַלד, אַ ליאַרעם אין שטעדטיל, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! בַּעֲלֵי־בָּתִּים זענען אַוועק אין דער

גיך צו „נאַטשאַלסטווע“ געגעבן אַ ידיעה, אַז זלאָדייעווקער בעלי מלאכות בונטעווען זיך; האָט „נאַטשאַלסטווע“ תּחילת געמאַכט דערפון אַ געלעכטער: וואָס הייסט יודען „לייבסערדאַקעס“, „פאַנטשאָכעס“, וואָס ציטערען פאַר אַ פליג, וועלען זיך גאָר פלוצים בונטעווען?... נאָר אַז מע האָט דערהערט אַז זלאָדייעווקער לייט געהען טאַקי, נישט אויף קאַטאָוועס, אַז זיי זענען שוין טאַקי אָט — אָט, איז געוואָרען אין שטאָדט אַ טומעל, אַ רַעש — הימעל עפען זיך! קרעמער האָבען צוגעמאַכט די קראָמען, פערשלאָסען טיר און טויהער; מלמדים האָבען צעלאָזט די חדרים; חיים חנה דער קלוגער און זיין ווייב טעמע גיטיל די שטילשווייגענדיגע האָבען זיך בעהאַלטען מחילה אויף אַ בוידעם, און „נאַטשאַלסטווע“..........................

..........................

(דאָ פעהלען עטליכע בלעטער פון'ם פנקס, און די מעשה ווערד איבערגעהאַקט סאַמע אין מיטען, און עס הויבט זיך אָן אַ נייע מעשה: אַ מַעֲשֶׂה מיט אַ גולם, וועלכע מיר לייגען אָפּ אויף איין אַנדערש מאָל)

BIBLIOTHÈQUE MEDEM 52, rue René-Boulanger 75010 PARIS

44